בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מתוך
פרשת תצוה תשפ"ב

יו"ל פר' תצוה תשפ"ג



לזכר נשמת
אדונינו מורינו ורבינו קדוש ישראל ותפארתו,
אשר געד בליבותיהן של ישראל
רבינו **הפני מנחם** זצוקללה״ה
נתנדב לרגל יומא דהילולא קדישא החל בט״ז אדר
זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו״כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**״גחלי אש״**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה״ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט״א
בארה״ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר״י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**״בם חייתני״**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה״ק ואידיש
מרבותינו הק׳ זי״ע ומרבני הקהילה
בארה״ב - 7162294771 שלוחה 8
באר״י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע״י מכון ״קול מנחם״
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה״פני מנחם״ זי״ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (כח, מ) 'ולבני אהרן תעשה כתנות ועשית להם אבנטים ומגבעות תעשה להם לכבוד ולתפארת', און מ'דארף פארשטיין פארוואס האט דער פסוק דאס צוטיילט און געשריבען דריי סארט לשונות פון 'עשיה' - תעשה ועשית תעשה, לכאורה וואלט געדארפען שטיין נאר איין עשיה וואס איז כולל אלעס 'ולבני אהרן תעשה כתנות אבנטים ומגבעות לכבוד ותפארת', און טראצדעם וואס מען וואלט געקענט זאגען אז צוליב די 'מגבעות' וואס זיי זענען 'לכבוד ולתפארת' [אזוי וויא ס'שטייט אין רשב"ם, ועי' חת"ס פר' פקודי (לט, כח), והעמק דבר לנצי"ב שם, און אזוי איז משמע פון רש"י אין פרשת פקודי (לט, כח)] וואלט מען געדארפען שרייבען א באזונדערע עשיה, אבער פונדעסטוועגען וואלט מען געקענט שרייבען נאר צוויי עשיות.

**און** מען דארף אויך אנמערקען אויף נאך א שינוי אינעם לשון פונעם פסוק - וואס צוליב דעם האט מען דאס צוטיילט אויף דריי עשיות, אז ביי די 'כתנות' און ביי די 'מגבעות' שטייט א לשון עתיד - 'תעשה', און ווידער ביי די 'אבנטים' שטייט 'ועשית' - וואס איז א לשון עבר, און לכאורה דא אין פרשת תצוה רעדט מען דאך פון די באפעהל - ציווי פונעם עשיה - און ס'וואלט געדארפען שטיין 'תעשה', נאר דער וי"ו אנהייב ווארט 'ועשית' דרייט דאס איבער פון א לשון עבר צו א לשון עתיד, און וויבאלד אז אינמיטען פסוק שטייט 'ועשית', האט מען דאס געדארפען צוטיילען אויף דריי עשיות. אבער מען דארף האבען דערויף א טעם, פארוואס ביי די 'אבנטים' שטייט טאקע נישט 'תעשה' אזוי וויא ס'שטייט ביי די 'כתנות' און די 'מגבעות'.

**און** מ'קען דאס פארענטפערען אויף צווי וועגען. דער ערשטע וועג קען מען זאגען אז ס'שטייט אין די גמרא (הוריות יג:) אויף רבי נתן וואס איז געווען א אב בית דין צוליב דעם וואס ער איז געווען ראוי צו ממלא זיין מקום אבותיו [כדקי"ל על מינויים מסויימים שבן

הראוי למלאות מקום אבותיו יש לו דין קדימה לאחרים] - **'קמרא דאבוך'** אהני לך למהוי אב בית דין, ד. ה. אז דער גארטיל - אבנט די חשיבות פון דיין טאטען האט דיר געהאלפען אז זאלסט זיין די אב בית דין, און ס'שטייט אין **ספה"ק** אז די אינזיכט דערפון איז אויף די פנימיות הדברים, **אבנט** מיינט די קדושת האבות, דאס איז וואס העלפט איהם פאר זיינע קינדער נאך איהם. און דערפאר דא וואס מען רעדט וועגען די 'בני אהרן' וואס זייערע כוח איז צוליב דעם וואס זיי זענען אייניקלעך פון שבט לוי און אהרן הכהן, איז דערפאר ווען מען איז באפוילען געווארען צו מאכען די 'אבנט' וואס סימבאלזירט דער ענין פון זכות אבות - וואס די מינוי הבנים איז בכוח פון די אבות, כאפט מען אן דייקא 'עשית' אין א לשון עבר, אונז צו לערנען אז די קדושת הכהנים איז בזכות זייערע עלטערען, און דער עצם זאך וואס זיי זענען בני אהרן, זענען זיי פארגעשלאגען און ראוי צו די כהונה פון געבארט אן.

**נאך** א פשט קען מען זאגען לויט דאס וואס חז"ל זאגען (זבחים פח: ערכין טז.) אז די בגדי כהונה זענען מכפר אויף פארשידענע עבירות, און די גמרא זאגט דארט **'אבנט מכפר על הרהור הלב'**, און ס'שטייט אין די גמרא (ב"ב קסד:) אז ס'איז פארהאן דריי עבירות וואס **'אין אדם ניצול מהן בכל יום'**, און איינער פון זיי **'הרהור עבירה'**, און **כ"ק אאז"ל** שרייבט (פני מנחם בהר תשנ"ה עמ' קפב) אז מ'קען חס ושלום נישט זאגען אז מען מיינט אויף דער עצם הרהור עבירה, אז פונדעם אין **כל אדם** ניצול מהן **בכל יום**, ווייל חס ושלום צו זאגען אז א מענטש ווערט נישט געראטעוועט פון די גסות פון די הרהור עבירה כפשוטו - ווייל געוויס זיכער שטעלט אונז נישט דער אייבערשטער אין אזיין צושטאנד, נאר מ'מיינט אויפ'ן נסיון צו האבען א הרהור עבירה, ווייל די נסיון איז שטענדיג דא, און א מענטש ווערט נישט געראטעוועט פונדעם - ווייל ער האט נישט די מעגליכקייט פטור צו ווערען פונעם נסיון. און דעריבער ביי די אנדערע בגדים שטייט אין פסוק **'תעשה'** - ווייל ס'איז די לצרה בשעתה, ווען זיי וועלען חס ושלום זינדיגען [היה לא תהיה] ווועלען זיי דארפען האבען די כפרה פון די בגדי כהונה, אבער ביים 'אבנט' וואס איז מכפר

אויף הרהור הלב - וואס ס'איז 'אין אדם ניצול מהן בכל יום', שטייט '**עשית**' אין א לשון עבר, ווייל אויך נעכטען און אייערנעכטען האט מען געדארפען האבען די כפרה אויף די הרהור הלב, ווייל די שטענדיגע נסיון צו זינדיגען, איז קיים ועומד נאך איידער די עשיה פון די אבנט.

**מיר** שטייען יעצט אינעם שבת פאר'ן יארצייט פון כ"ק **אאז"ל דער 'פני מנחם'** זי"ע, און די צוויי אויוועו דערמאנטע טעמים אויף '**ועשית**', האבען א שייכות צו די יומא דהילולא קדישא. יעדער איינער און איינער פון אונז האט א '**קמרא דאבוך**', כ"ק **אאז"ל** האט געזאגט און געשריבען אז ער האט משקיע אסאך כוחות מיט געלט און מיט'ן גוף אויף מצות כיבוד אם, סועד צו זיין זיין מוטער די רבנית ע"ה אין איר קרענק, און ער איז שטענדיג אראפ געגאנגען צום אהל פון זיין טאטען דער אמרי אמת זי"ע, און ער האט געבעטען פונעם אייבערשטען אז ס'זאל איהם עומד זיין די זכות זוכה צו זיין צו גוטע קינדער (ראה אוצר מכתבים מכתב מז), און יעדער איינער וואס איז מקושר צו איהם און צו זיינע וועגען וואס ער האט אונז אויס געלערנט - זענען אריינגערכנט אינען כלל פון זיינע קינדער געהאלפען צו ווערען מיט'ן כח פון זיין תפלה און אין זיין זכות, ווייל כ"ק **אאז"ל** האט יעדער איינער ליעב געהאט אזוי וויא זיינע קינדער, און מען קען זיך מקשר זיין צום צדיק אויך נאך זיין פטירה, אויב מען וויל זיך באהעפטען אין זיינע וועגען און מקיים זיין דאס וואס ער האט געפאדערט פון אונז - דאס איז וואס ער האט איבער געלאזט לדורות, וויל וויא געוויס זענען די רוחניות'דיגע כוחות דאס וואס בלייבט אויף שטענדיג - הם הם הקיימים אויף די וועלט נאך זיין פטירה, און דאס איז די '**קמרא דאבוך**' וואס יעדער איינער און איינער האט די כח זיך אנצוכאפען אינעם גארטיל פון **כ"ק אאז"ל** - אז ס'זאל חוצץ זיין צווישען לבו לערוה און זיין א דיין און א שופט אויף זיין יצר, און מקיים זיין דאס וואס ער האט שטענדיג געפאדערט און מעורר געווען און גערעדט דערוועגען.

**און** אזוי אויך דאס וואס דער אבנט איז מכפר אויף הרהור הלב, האט א ספציעלע שייכות צו די יומא דהילולא פון כ"ק **אאז"ל**, ווייל ער

האט אריינגעשריגען אין די אידישע הערצער - **גער בלבותיהם של ישראל**, מטהר צו זיין אידישע הערצער פון א הרהור הלב, און אזוי וויא די ווערטער פון דער **שפת אמת** וואס ער פלעגט אסאך חזר'ן אויפדעם, אז ס'שטייט אין די גמרא (יומא לט:) ארבעים שנה קודם חורבן הבית שני - פערציג יאהר פאר'ן חורבן פון בית השני - איז שוין געווען סימנים אויפ'ן חורבן הבית, איינער פון די סימנים איז געווען אז די דלתות ההיכל היו נפתחות מאליהן, עד שגער בהן רבן יוחנן בן זכאי, אמר לו **היכל היכל יודע אני בך שסופך ליחרב - אבל מפני מה אתה מבעית עצמך**. פארטייטשט דער **שפת אמת** (יומא שם) אז **גער בהם** מיינט אין די יודען, רבי יוחנן בן זכאי האט אריינגעשריגען אין די יודישע הערצער אז זיי זאלען זיך אויפוועקען און ערוועקען צו זעהן וואס זיי זענען גורם מיט זייערע מעשים - אז די דלתות ההיכל האבען זיך געעפענט פון זיך אליינט, און די חורבן הבית שטייט שוין ביים טיהר אינטערען שוועל. **כ"ק אאז"ל** אין זיין שנות ההנהגה וואס איז געווען 'מעט בכמות' אבער 'רב באיכות', און אזוי אויך אין זיינע דרשות במשך אלע יארען, גער בלבותיהם של ישראל, און אויב פון הרהורי עבירה ווערט א מענטש נישט גערַאטעוועט פונדעם יעדען טאג, איז מדה טובה מרובה, אז זיינע הייליגע רייד וואס ער האט געמערט מעורר צו זיין אין יעדער צייט און אין יעדער געלעגענהייט אויף טהרת הלב - קען דאס אויך היינט אונז מעורר זיין יעדען טאג און טאג אונז צוריק צו האלטען פון צו טוהן א עבירה און תשובה טוהן.

**און כ"ק אאז"ל** (פני מנחם צו עמ' כג ועמ' ל) האט געפרעגט אויפדעם וואס חז"ל זאגען (זבחים פח: ערכין טז.) אבנט מכפר על הרהור הלב - משום היכא דאיתיה, און רש"י געבט צו פארשטיין - שמקום האבנט הוא כנגד הלב. לכאורה דארף מען צו פארשטיין, דער אבנט איז דאך נישט כנגד הלב, נאר דער חושן איז כנגד הלב אזוי וויא ס'שטייט (כח, ל) 'והיו על לב אהרן'. און ער געבט צו פארשטיין אז הן הן הדברים, ווייל די אבנט איז מפסיק צווישען די 'לב' מיט'ן 'ערוה', און 'הרהור הלב' ביי א עבירה נעמט זיך פונדעם אז ס'איז נישט דא קיין הפסקה, און דאס איז פשט '**היכא דאיתיה**' - ביי די מקום הנסיון

וואס ס'איז נישט מפסיק צווישען די 'לב' מיט'ן 'ערוה'. און אויפדעם דארף מען צו האבען די כפרה פונעם אבנט - וואס האט גורם געווען און צו געברענגט צום הרהור הלב, וואס ער האט נישט קיין שכל צו פארשטיין און צו וויסען די טייערקייט די חשיבות און די דערהויבענקייט פון א יודישע נפש און א יודישע נשמה, און ער איז נישט מחשיב די געוואלדיגע כלים וואס דער אייבערשטער האט געשענקט פאר יעדער איינער און איינער - די הייליגע נשמה, די חושים מיט די הארץ, און ער נוצט דאס אויס אויף גשמיות'דיגע זאכען וואס זיי זענען קעגען דעם רצון ה'.

**און** מ'קען צולייגען און זיך פארטיפען אין זייערע לשון **'היכא דאיתיה'** - אז ס'גייט ארויף אויפען הארץ, די כפרה וואס פאדערט זיך איז אויף וויא געפינט זיך די הארץ, דעם הארץ וואס וואלט געדארפען זיין א הארץ פון א רצון זיך צו דערנעטערען צום רבונו של עולם, וואו **געפינט** זיך די הארץ - איה הלב הזה נמצא?! ס'ליגט **א אויפגאבע אויף יעדער איינער** אריין צו קלערען וואס ער טוהט מיט'ן הארץ וואס דער **אייבערשטער** האט איהם **געגעבען**, און אויפדעם דארף מען האבען א כפרה. און אויב חז"ל זאגען אונז אז פון הרהורי עבירה אין אדם ניצול מהן בכל יום, איז אוודאי ליגט אויף יעדער איינער זיך צו דערמאנען יעדען טאג און טאג - אז די הארץ, די רצון מיט די שטרעבונג דארפען זיין מיט א בענקשאפט און א תשוקה צום אייבערשטען, און אזוי וויא דער **שפת אמת** (תרומה תרס"ב) זאגט אז 'הנפש [הלב שהוא משכן הנפש - ועכ"פ הרצון שבלב שהוא מהות הנפש] **יש בה רצון והשתוקקות נפלא אל מי שבראה**' - צום רבונו של עולם, און דער מענטש דארף אכטונג געבען אז אלע זיינע רצונות פונעם הארץ זאלען נאר זיין **'אלה חמדה לבי'** - אז ער זאל וועלען נאר גוטע זאכען. און מען דארף דערויף זיך פלאגען און מיטשען יעדען טאג און טאג, ווייל די וועלט - העולם הזה האט א כח משיכה, און אזוי וויא א גשמיות'קדיגע חפץ פונעם כח המשיכה קען נישט בלייבען שטיין אין לופט, אזוי אויך איז אין עניני רוחניות, די וועלט - עולם הזה ציעהט דער מענטש צו חמריות, און ס'לאזט איהם נישט

זיך דערהייבען א טפח פון איבער די ערד, און דאס איז א שטענדיגע קאמפ - כל עוד נשמה באפו צו געדענקען אז די נשמה מיט די כלים וואס מען האט באקומען א מתנה פונעם אייבערשטען, איז געווידמעט געווארען אויף א העכער'ן צוועק - זיך אויפצוהייבען און זיך דערנענטערען צום אייבערשטען, און אזוי וויא **כ"ק אאז"ל** (פני מנחם הנ"ל) שרייבט אז די עבודת האדם איז אז די הארץ זאל זיך דערהייבען פון איהר נאטור, און זיך איבער דרייען פון א סרסור עבירה צו גלוסטען צום אייבערשטען און איהם דינען, און נישט חס ושלום אז די הארץ זאל גלוסטען נישט קיין גוטע זאכען.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז די זכות פון **כ"ק אאז"ל** זאל אונז ביישטיין אז מיר זאלען שטענדיג באמת קענען וועלען גוטס און טוהן גוטס, און גיין אין גוטע וועגען.